תלמוד תורה
**היכל הקודש**
ברסלב - ירושלים
מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זי"ע
**בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א**

פרשת תזריע - החודש תשפ"ב

# אַ בליק

## אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

בס"ד

### נייעס אין חדר

**באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין חדר**

די וואך איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען קיין ארץ ישראל אויף א קורצע באזוך לרגל די הקמת מצבה פון זיין גרויסן זיידן דער קארלסבורגער רב זי"ע אין מירון, זייענדיג אין ארץ ישראל האט דער ראש ישיבה באזוכט אין עטליכע שטעט וואו תלמידי היכל הקודש געפונען זיך, זייענדיג אין ירושלים האט דער ראש ישיבה געקומען באזוכן אין חדר, דער ראש ישיבה שליט"א האט געשמועסט מיט די קינדער זייער שיינע זאכן, ווי אויך האט דער ראש ישיבה געבעטן יעדער אינגל זאל אים פארציילן א מעשה פון תפילה, די קינדער האבן דערציילט זייער שיינע מעשיות און דער ראש ישיבה איז ממש ארויס פון התפעלות זעענדיג ווי שיין די קינדער ווערן מחונך. די באזוך איז געווען א גרויסע חיזוק סיי פאר די קינדער און סיי פאר די מלמדים און די הנהלה.
**כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים**

### פארציילט אין חדר

**ווי אזוי האט דער הייליגער רבי זוכה געווען צו ווערן אזא גרויסער צדיק**

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארציילט די וואך פאר די קינדער ווי אזוי דער הייליגער רבי האט זוכה געווען צו זיין אזא גרויסער צדיק, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אלעס וואס דער הייליגער רבי האט זוכה געווען איז געווען נאר ווייל ער האט זיך צוגעוואוינט צו רעדן מיטן אייבערשטן אויף יעדע זאך, יעדע זאך וואס ער האט געדארפט סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות האט ער געבעטן פונעם אייבערשטן, און אזוי איז ער געווארן אזא גרויסער צדיק, און דאס איז די וועג פאר אונז צו ווערן גרויסע צדיקים, אז מיר זאלן בעטן און רעדן צום אייבערשטן אויף יעדע זאך אין לעבן.

### א בילד פון חדר



דער ראש ישיבה שליט"א
באזוכט אין חדר
דאנערשטאג פרשת שמיני



דער מלמד מיט די קינדערביים פיש
געשעפט ווייזנדיג די סימנים
פון א כשר'ע פיש

### מעשיות פון תפילה

**ש'כח אייבערשטער אז אין אונזער חדר גיבט מען אריין אין די קינדער פון יונגערהייט די הייליגע עצות פונעם רבין און בפרט די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, אלע קינדער אין חדר געוואוינען זיך צו אז יעדע זאך וואס זיי דארפן בעטן זיי פונעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות**

**מרדכי פערל** - איך בין געפארן קיין בני ברק צו די קבלת פנים פונעם ראש ישיבה שליט"א און סעודת יארצייט פון דעם הייליגן רבי אלימלך מליזענסק זכותו יגן עלינו און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א פלאץ אויפן אוטובוס נעבן א פענסטער, ש'כח אייבערשטער איך האב געהאט א פלאץ נעבן א פענסטער. אזוי אויך בין איך געווען דארשטעריג אויפן אוטובוס האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט זיין דארשטעריג, ש'כח אייבערשטער אז איך בין שוין נישט געווען דארשטעריג.

**מרדכי פאפנהיים** - איך בין געגאנגען אין חדר און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט אראפפאלן פון די אייזנעס, ש'כח אייבערשטער איך בין נישט אראפ געפאלן.

**רפאל פאפנהיים** - איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיין באבע זאל מיר לאזן זיך שפילן, ש'כח אייבערשטער מיין באבע האט מיר געלאזט זיך שפילן.